STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15652

# DER TKIES-KAF

Peretz Hirschbein

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

# דער תקיעת־כף.

א דראמא אין פינף אקטען
מיט א פראלאג.

פון פרץ הירשביין.

Печатано въ электро-типографіи Левинъ и Сынъ Вильна,
Нѣмецкая ул., д. № 22. Телефонъ № 766.

**ОБРУЧЕНІЕ.**

**Драма Переца Гиршбейна.**

דאָס רעכט אויפצופיהרען די־זע דראַמאַ, ווי אויך איבערצו־זעצען, בעהאַלט. דער מחבר פאַר זיך. אין רוסישען האָט דאָס איינציגע רעכט איהר אַרויסצוגעבען דער ביכערפער־לאַג „שיפּאָווניק“ אין פּעטער־בורג. די איבערזעצונג אין רוסיש איז שוין געמאַכט גע־וואָרען.

Набрано въ тип. Б. А. КЛЕЦКИНА
Вильно, Завальная 33.

## פערזאנען.

ה ע נ א ך  א מילנער.

פ ע ס י ל  זיין פרוי.

ה נ ה׳ל ע  זייער טאכטער.

ה א ש ע.

ד ו ד  איהר זוהן.

פ ײ ע.

א ר י מ א ן.

# פְּרָאלָאג.

אַ גרויס צימער, רעכטס און לינקס טירען און פענסטער. מעבעל איינפאַכע, געפאַרבען רויט. רעכטס שטעהט אַ בעט. אויפ'ן בעט ליגט · דודיל. נאַכט. אויפ'ן וואַנד ברענט אַ בוימעל-לעמפיל. עס שײַנט, דער בוימעל נעהט אויס.

האַשע זיצט בײַם בעט. קוקט אָן דעם קראַנקען. איהר געזיכט דריקט אויס שרעק און אונרוהיגקײַט. זי הויבט זיך אויף פון איהר אָרט, ווי זי זאָל זיך מישב זײַן · אַלײַן מיט זיך צו לאָזען דעם קראַנקען. זי נעהמט פאָרזיכטיג דאָס לעמפיל פון וואַנד און נעהט שטיל אַרויס.

## דודיל.

ער הויבט אָן צו קרעכצען. פלוצלונג אין שרעק:

הנהילע! ס'טעם ניט טאָן... וואַרט ביז כ'וועל שטאַרבען. געדהט, זאָגט, אַז כ'וועל שטאַרבען...

שטיל.

## חאַשע.

זי קערט זיך צוריק מיט'ן ליכטיגען לעמפיל. שטעלט עס אויפ'ן אָרט.

ביזט וואַך, מײַן קינד? אַ וועלט מיט רשעים. נישט פערגונען מײַן גליק. כ'בין בײַ אַלעמען אויף דער צונג געווען... שלאָפסט ווידער...

זי הערט זיך צו.

דודיל ערוואַכט זיך דערשראָקען.

## חאַשע.

וואָס ביזטו אַזוי אויפגעשפרונגען?

## דודיל.

ווען כ'פערמאַך די אויגען... ווען כ'וויל אײַנדרעמלען...

חאַשע.

קושט איהם.

אויף מיר, מיין גאָט, גיס אויס דיין צאָרן... וואָס זעהסטו, מיין לעבען?

דודיל.

כליפּעט פון געוויין.

מאַמע, שיק אין מיל אַריין. הנה׳לע ווערט פערקנס׳ט פאַר אַנ׳אַנדערען. זי וויינט... זי וויל ניט... מיט געוואַלד.

חאַשע.

ס׳אַ חלום, מיין קינד; זיי רוהיג.

דודיל.

מיך פרעגט מען ניט... הנה׳לע, מיך ניט. מזל־טוב, שרייט מען. הענאך׳ס שטוב איז בעלויכטען. דער שבת׳דיגער העגנגלייכטער, אין אַלע העסעס ליכט...

חאַשע.

מיין קינד, וועסט געזונד ווערען. הנה׳לע וועט דיינע זיין. מען וועט אייך ביידען אי״ה צו דער חופה פיהרען. דו וועסט געזונד ווערען...

דודיל.

רעדט ווי פון היץ:

געדענקסט, האָסט מיר ס׳וואָרט געגעבען... וועסט מיין טייבעלע זיין. אין וואַלד שבת... קיינער ט׳ניט געוואוסט... געדענקסט — ס׳וואָרט געגעבען, וואָרט, ווען כ׳וועל שטאַרבען...

חאַשע.

מיין קינד, וועסט זיין געזונד. דער, וואָס אין הימעל וועט אַזוינס דיין מאַמען ניט טאָן...

דודיל.

קלערער:

זאָג מיר, מאַמע, פאַרוואָס איז שוין אַזוי לאַנג ביי מיר הנה׳לע ניט געוועזען? ווער לאָזט איהר ניט אַריין צו מיר? מאַמע, שיק צו הענאך דעם מילנער; איך וויל, זי אַליין פרעגען — היינט ווערט

זי א כלה... וואס שווייגסטו, מאמע? ווייסט אלץ... זאג, דו ווייסט אלץ...

האשע.

איך האב געשיקט רופען אין שול, תהלים זאגען. די רפואה, מיין קינד, וועט גיך קומען. זעה, דיין מאמע איז פערפינסטערט—פינסטער איז איהר געווארען ארום.

דודיל.

די גאנצע שטאדט איז דארט. מענשען א פולע שטוב. מען נעהמט פון מיר הנה'לען צו...

האשע.

מיין נשמה פאר מיין קינד. ווער וויל עס ביזז טאן? ווער וויל עס דער מאמען פינסטער מאכען?...

א צייט שטיל.

דודיל.

ער ציטערט אויף, פאלט שיער פון געלעגנער אראב.

מא — מע!

האשע.

ווער טוט מיין קינד?... ווער שרעקט מיין קינד?

דודיל.

מיך לאזט מען ניט פון בעט אראב. מיך האט מען פערשפארט. איהר וועט מען באלד צו דער חופה פיהרען.

האשע.

ווער צורייסט עס מיר מיין הארץ? (זי קוקט זיך איין אין דודי'ס געזיכט) מיין קינד, וואס זעהסטו? דו קוקסט צושראקען. זעה, דיין מאמע שטעהט נע'ם דיר. אלץ וועט זי טאן. און אויב ס'איז א גזר דין, וועל איך איהם צורייסען... מיין קינד! מיין קינד! קוק גלייך אויף מיר. קוק גלייך אויף דער מאמען...

שטיל.

דודיל.

רעדט צושטרייט:

איך בין געשטארבען... הנה'לע ווייגט. רייסט זיך צו מיר.

מע לאזט זי ניט. דודיל שטארבט... הנה׳לע, כ׳וועל ניט לאזען...
(אין א ווײַלע ארום) מאמע, וואס וויינסטו?

חאשע.

יאמערליך:

מײַן לעבען... מײַן לעבען... וואס ויל מען פון מײַן קינד?

דוד׳ל.

ווייסט אליץ. דערצעהל, דערצעהל... כ׳ווייס אויך אליץ. זעה, מען צוקאמט אידרע לאנגע האר... מען טוט איהר דעם הופה-שלייער אן... כ׳בין ניט מוחל... ניין... קיין מאל ניט...

שטיל.

חאשע מערקט עפּיס אונגעוויינעס אין דוד׳ס פנים. קוקט מיט שטארע אויגען. זי ווערט שטארק אונרוהיג. קוקט, אפשר געהט װער. לויפט שנעל דודכ׳ן מיר לינקס. איילט גלײַך צוריק. דאס געזיכט הײַס, ווי קרײַד. זי שטעלט זיך הינטער דוד׳לס צוקאפּענס. זי ברעכט די הענד. איהר פנים רדיקט אויס שרעקליכע שמערצען. דערנעהנטערט זיך אויף די שפּיצען פינגער, בויגט זיך איבער׳ן בעט און קוקט דודין גלײַך אין פנים...

דוד׳ל.

נאנץ הויך:

מא — מע, וואו ביזטו?

חאשע.

דײַן מאמע היט דיך.

דוד׳ל.

צושראקען:

מאמע, וואו ביזטו?

חאשע.

איך היט דײַן געלעגער.

דוד׳ל.

נ... ניין...

חאשע.

זי רײַסט אויף זיך דאס לײַב. דרײַסט זיך די האר. קוקט יעדע ווײַלע צום טיר, אפשר געהט ווער. קנײַפּט זיך די באקען פון שמערצען יאמערליך.

מײַן קינד! מײַן קינד!

זי רײַסט איהם פאַר די הענד, שרײַט העכער.

מײַן קינד! מײַן קינד!

איינס נאָכ׳ן אַנדערען קומען אַרײַן מענשען מיט ערנסטע, בלאַסע געזיכטער און בלײַבען שטעהן שװײַגענדיג אַרום בעט.

## חאַשע.

רײַסט דוד׳ן.

מײַן קינד! מײַן קינד!...

איינער פון די מענשען האַלט איהר פעסט פאַר בײדע הענד. דער צװײטער הינקט צו איהר, זי זאָל שװײַגען.

# ערשטער אקט.

ביי הענאך דעם מילנער.
א הויז, אויסגעקאלכט הייזעל. מעביל איינפאכע, ווייסע. רעכטס
צוויי פענסטער, לינקס א טיר אין א צווייט צימער אריין. אבענד.
אין שבת׳דיגען העגגלייכטער ברענען דריי ליכט.

הענאך זיצט ביים טיש, פערזונקען אין געדאנקען. דער קאפ אראבגעהאנגען.
פעסיל שטעהט אין מיטען שטוב. קוקט צו הענאך׳ן, ווי זי וואלט ווארטען אויף
א תשובה.
הנה׳לע זיצט ביים פענסטער אויף א שלאף־באנק, דאס פנים בעהאלטען אויף אין
ארעם.

### הענאך.

הויבט זיך אויף פון זיין ארט. זיכער.

אזוי בלייבט עס. וויפיעל איז דער שיעור צו ווארטען? דאס
איז ניט פאר מיינע זינד.

### פעסיל.

און דיר איז עס גרינג פון מויל ארויסצורעדען... פערגע-
סען, הענאך, די אמאליגע יסורים. ביי אונז איז אמאל א רחל׳ע גע-
ווען — אויך גרייט צו דער חופה געווען.

### הענאך.

לאז צו רוהה א ווילע! (ער שווייגט) איך בין א טאטע בין איך,
און דו — א מאמע, אויך ביז הונדערט און צוואנציג יאהר. טאטע-
מאמע מעגען נחת האבען פון זייערע קינדער. — גאט אליין הייסט —
שטיל.

### הנה׳לע.

זי געהט צו צו פעסל׳ען, נעהמט איהר ארום.

איך שרעק זיך אזוי, מאמעלע...

פעסיל.

אליין מיט איהר האט ער דוקא געוואלט בלייבען. — האט ער צו דיר וואס געזאגט?

העניאך.

און איך וואלט עס ניט דערלאזען.

פעסיל.

ווי דערלאזט מען עס ניט?

חנה׳לע.

אז ער האט מיך דערזעהן, האט ער גלייך אנגעהויבען וויינען. אין דער שטיל, אהן ווערטער האט ער געוויינט.

העניאך.

און זכות־אבות איז אויך קיין קליינינקייט נישט. מיין טאטע, זאל זיין אין גן־עדן, האט מיך קיינמאל ניט פערלאזען.
שטיל.

חנה׳לע.

אין זיינע אויגען איז אזוי פיעל רחמים געווען. אהן ווער־טער האט ער געקוקט אויף מיר... מיר האבען ביידע געוויינט.

העניאך.

האסט קלארע דבורים גערעדט ואגען. טאטע, מאמע וויי־נען, האסטו גערעדט ואגען... אונזער שטוב ווערט פערפינ־סטערט; טאטע, מאמע ווילען פון זייער קינד א שמחה דערלעבען.

פעסיל.

די מאמע האט שוין גענוג איהרע אויגען אויסגעקלאגט — אזוי האסטו גערעדט זאגען. די מאמע האט איהר שענסטעס קינד אין דער ערד בעגראבען און איינס איז איהר נאך אויף דער ערד פערבליבען. זאל איהר דאס איינאיינציגע שטערענדעל לייכטען.

חנה׳לע.

ווי זאל איך איהם אזוינע ווערטער זאגען? כ׳וועל עס איהם קיין מאל, קיין מאל ניט זאגען. (שווייגט א ווייל) האסט דאך מיר אליין געהייסען, איך זאל איהם ליעב האבען, און איך האב

איהם, ווי דאָס לעבען, ליעב געהאַט. צו די תנאים איז ער דאָך
אַזוי שען געווען... האָסט דאָך, מאַמעלע, אַליין געזאָגט.
קושט דער מוטער. שטיל.

פײַע.

קומט אריין.

אַ גוטער אָבענד!

פעסיל.

ס'קאָציל קומט. גאָר אַליין? -

הענאַך.

ווער ס'איז ניט געוואוינט אַליין צו געהן בײַ נאַכט...

פײַע.

אַז מע דאַרף — געהט מען... וואָס מאַכסטו, חנה'לע? חנה'לע
זיצט נאָך בײַ דער מאַמען אויף די הענד. (קוקט זיך ארום). ליכטיג
בײַ אײַך אין שטוב. אַזאַ ליכטיג מזל זאָל זײַן!

הענאַך.

די שטוב געקאַלכט; אַלץ גרייט געווען.

פעסיל.

דו... אויף זײַן נאָמען טאָר מען קײַן קשיות ניט פרעגען.

הענאַך.

איך האָב קײַן מאָל קײַן קשיות ניט געפרעגט.

פײַע.

גלעט חנה'לען. קושט זי.

חנה'לע, מײַן קינד, וואָס ביזטו אַזוי בלייך? האָסטו זיך ניט
אויסגעשלאָפען?

חנה'לע פערשעמט זיך.

פעסיל.

מײַנס אַ קינד שלאָפט ניט שפעט. מיט זון צו גלײַך איז
עס וואַך.

### פײַע.

נישט אמת, הנהלע? (זי זעצט זיך אויף אַ בענקעל נעבען פענ-סטער און פירט צו זיך חנה'לען) ווילסט מײַנע אַ טאָכטער זײַן?

הנהלע פערבאָרגט איהר קאָפּ.

### פײַע.

וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג. אַז ס'האָט זיך געמאַלט אַנדערש, בין איך אַ צײַט ברוגז געווען. ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָב איך שוין אויף איהר אָנגעווירן געהאָרפּען... דאָס איז דער זיווג, האָב איך פון שטענדיג אָן געשריען. אַ מאַמע ווייס, וואו דער זיווג פון איהר קינד איז. זעהט מען דאָך, וואו-הין איהר זײַט פערקראָכען.

### העניאַך.

האָב איך דען אַ ווילען? אַז גאָט וויל בעשטראָפען, געפינט ער דעם אָרט. מען טאָר ניט רעדען. איך בין אַ פּראָסטער מענש; אַ מילנער. נאָר דאָך ווייס איך... איך זעה, אַז דער וואָס אין הימעל שיקט זײַן ווינד וואָס אַ מאָל פון אַנאַנדער זײַט... איך? אַ ווילען?...

### פעסיל.

אַ מאַמע'ס הארץ איז אין הײַלע וואונדען. וואָס האָב איך געקאָנט מאָן?

### פײַע.

איצטער איז דאָך אַלץ קלאָר; אַלץ אויף דער האַנד.

### פעסיל.

ס'איז נאָך גאָר ניט בעוואוסט. אַמאָל קאָן איך שטעלען אַ נפש אין קאָן.

### חנה'לע.

ער קאָן נאָך, חלילה, שטאַרבען. איך וויל ניט, ער זאָל צוליעב מיר שטאַרבען.

שמיל.

עלע קוקען פערוואונדערט צו חנה'לען.

פײַע.

נאַריש קינד, אַ מענש שטאַרבט פֿאַר זײַנע אײגענע חטאים— אַזוי איז עס געשריבען. ס'איז אמת. אַ בת־יהודה — גאָט אַלײן איז פֿאַר דעם מוחל.

פעסיל.

איך שװײַג גאָר. אַ צופלאַגטע מאַמע בין איך. הלילה אײן האָר אױף מײַן קינד זאָל פֿאַלען — װאָס איז מײַן לעבען?

שטיל.

העגאַך קוקט אין פענסטער.

חנה׳לע.

אימיצער געהט?

העגאַך.

איך קוק, פֿון װאָס פֿאַר אַ זײַט דער װינד פֿערנעהמט זיך.

פײַע.

טאָ הערט זשע אױס: איך געה איצטער פֿון רבֿ, געה איך. איך האָב דערצעהלט װי דער אמת, האָב איך. העגאַך דעם מיל־נער׳ס טאָכטער איז פֿער׳קנס׳ט געװאָרען פֿאַר גבֿריאלס זוהן. און ס׳איז שוין באַלד אַ יאָהר, אַז ער קרענקט — אױף װיסטע פֿעלדער זאָל אױסגעהן, װאָס פֿון איהם איז געװאָרען. חנה׳לע, זאָג איך, איז אַ יונג קינד. טאַטע־מאַמע װילען פֿון איהר נחת האָבען. אַ יאָהר צײַט — װיפֿיעל איז דער שיעור? רבי, זאָג איך, איהר דאַרפֿט און איהר מוזט דעם קנופּ לײַז מאַכען...

פעסיל. װישט די אױגען.

העגאַך.

װאָס האָט ער, זאָל לעבען, געזאָגט?

פײַע.

זי אַלײן, זאָגט ער, זאָל געהן צו איהם, מיט איהר אײגען מויל בעטען, ער זאָל זי פֿרײַ לאָזען.

שטיל.

חנה׳לע.

איך װיל גאָר ניט. איך האָב מורא.

פעסיל.

וועסט עס טאָן, מײַן קינד?

חנה'לע ענטפערט ניט.

הענאך.

די מאַמע פרעגט דאָך עפּיס בײַ דיר!

פיע.

די גאַנצע שטאָדט פערגיסט טרערען. אַלע בעטען בײַ גאָט, ער זאָל מוחל זײַן.

הענאך.

איך בין אַ פּראָסטער יוד. אויב דער רבי אַליין האָט מיט זײַן מויל געהייסען — פאָלג איך.

פיע.

אַליין פון זײַן כשר מויל געהערט.

פעסיל.

מיט טרערען.

מײַן האַרץ ווערט מיר צופּלאָגט פאַר וועהטאָג און שרעק. (גלעט חנה'לען) הער זיך גוט איין. איך וועל דיך לערנען, ווי דו זאָלסט רעדען.

פיע.

דאָס גלײַכסטע, דאָס גלײַכסטע!

חנה'לע.

אוי, מאַמעלע, כ'וועל ניט קאָנען, כ'וועל ניט קאָנען!

פעסיל.

זאָלסט וויינען פאַר איהם. זאָלסט איהם זאָגען, וועסט פאַר איהם גאָט בעטען.

חנה'לע.

אוי, מאַמעלע, כ'וועל עס ניט קאָנען. ער האָט דאָך מיך אַזוי ליעב געהאַט... ווייסט ניט, מאַמעלע, ווי ער האָט אי-בער מיר געוויינט, יום-טוב, אַז איך בין געווען בײַ איהם.

פּײַע.

אַזױנע װערטער טאָר אַ ייִדיש קינד פֿאַר'ן מויל ניט אַרױס־ברענגען.

חנה'לע װישט די טרערען.

הענאַך.

שעם זיך, טוסט דעם טאַטען הרפּות אָן.

פּײַע.

„הנה'לע" אַנדערש רופֿט מען זי ניט אין גאַנצען שטאָדט. די גאַנצע שטאָדט װעט פֿאַר דיר גאָט בעטען, זאָלסט, חלילה, ניִשט בעשטראָפֿט װערען.

הענאַך.

קושט הנה'לען. רעדט װײך.

פֿאָלג דײַן טאַטען. אַז אַ טאַטע זאָגט, מסתּמא װײס ער. איך אַלײן גײה מיט דיר, ער װעט דיר מוזען מוחל זײַן. איך װעל פֿאַר דיר רעדען. זאָלסט נאָר זאָגען: טאַטע, מאַמע פֿאָלג איך.

חנה'לע.

װײנענדיג.

טוט מיט מיר, װאָס איהר װילט.

פּײַע.

מײַן טאַטע, דער צדיק, װאָלט לעבען, כ'װאָלט גאָר צום רבּ ניט געגאַנגען.

הענאַך.

נײן. צו אַ רבּ גײהן בעדאַרף מען. אַ רבּ טראָגט אַ גאַנצע שטאָדט אויף זײַנע פּלײצעס... הנה'לע, נאָך הײַנט װיל איך, זאָלסטו מיט מיר גײהן.

פּײַע.

הײַנט, הײַנט װעט מען נאָך טעלער ברעכען! איך בין גרײט. מײַן זוהן איז מספּים...

שפּיל.

פעסיל.

(זי טראָגט אַרויס פון צווייטען צימער אַ באַרג נייע קליידער.)

אַלץ פאַרטיג, אַלץ גרייט, ווען דער מאַמען. געמיינט, אין זיד, אין סאַמעט מיין קינד איינהילען, צו דער חופה עס פיהרען. (לעגט די קליידער אויפ'ן טיש) ווען צו דער מאַמעס יאָהרען. אָט אַזוי האָט זיך געוואָלט מיין האַרץ פרעהען, ווען כ'האָב רחל'ן פאַר־קנס'ט.

חנה'לע.

(זי וואַרפט זיך דער מוטער אויפ'ן האַלז.)

אוי, מאַמעלע, וואָלסט וויסען, ווי עס שרעקט מיך!... וואָלסט וויסען, ווי עס קלאַפט מיר דאָס האַרץ. ווי זאָל איך אַזוינע ווער־טער זאָגען?... ער האָט די אַלע קליידער געזעהן. איך האָב איהם דערצעהלט, אין וואָס פאַר אַ קלייד מען וועט מיך צו דער חופה פיהרען.

פייע.

חופה־קליידער ליגען אויפ'ן טיש און איהר פילט אַייער שטוב מיט טרויער אָן — אויף ווייסטע פעלדער זאָל עס אויסגעהן!

הענאך.

ס'איז מיין קינד, מיין בלוט, איך האָב רשות.

פייע.

איך בין אויך אַ מאַמע פון אַ קינד.

חנה'לע.

קום איך צו איהם... אז איך קען ניט רעדען. מאַמעלע, אפשר וועט ער צוריק געזונד ווערען און איך וועל איהם ווידער ליעב האָבען פונקט ווי דו, מאַמעלע, האָסט איהם ליעב געהאַט.

פעסיל.

איך האָב איהם ליעב געהאַט, מיין קינד. ער איז ביי מיר אַניאויג אין קאָפּ געווען; דו ביזט אָבער מיין גאַנץ לעבען. הלילה, עפּיס אויף דיר — איז שוין דיין מאַמע אויף דער וועלט ניטאָ. קום מיט מיר, מיין קינד, ביידע וועלען מיר געהן. מיט טרערען וועלען מיר איהם בעטען ער זאָל אונז מוחל זיין... זאָל ער אונז

פּרץ הירשביין.

בײדען אָנקוקען און זעהן ווי גרויס איז מײן פּײן. זאָל ער דעם תקיעת־כּף מוחל זײן... ווּעסט געהן? יאָ?

הענאָך.

דער טאַטע איז מסכּים, זי וועט געהן.

פּײע.

אַלע מסכּים... צינדט נאָך ליכט אָן, ליכטיג זאָל זײן...
אַלע מסכּים! איהר געהט און איך וועל דאָ בלײבען וואַרטען ביז איהר וועט צוריק קומען מיט אַ פרעהליך האַרץ.

הנה'לע.

זי פערבאָרגט איהר קאָפּ אויף דער מוטערס אַקסעל. וויינט.

אוי, מאַמעלע, מאַמעלע, ווי עס שרעקט מיך מײן האַרץ...

# צווייטער אַקט.

ביי העניעך'ן.

אין שטוב איז האַלב-פינסטער. אויפ'ן קאַמין רערברענען שטיקלעך קין. אַ צייט איז אין שטוב קיינער ניטאָ. ס'הערט זיך נאָר דאָס קנאַקען פון די גלימענדע העלצלעך. אונטער'ן פענסטער רייסט דער ווינד און וויינט זיך פונאַנדער פון צייט צו צייט. אויפ'ן טיש ליגען די חופה-קליידער.

### העניאַך.

ער קומט אַריין פון דער גאַס. זיין געזיכט דריקט אויס אונרוהיגקייט. ער לעגט צו שטיקלעך קין צום פייער. ס'ווערט ליכטיגער. דער ווינד שטאַרקט זיך. ער געהט צום פענסטער און קוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין. רעדט צו זיך אַליין, דריקענדיג דעם שטערען מיט ביידע הענד.

כ'האָב עס ניט געדאַרפט. כ'האָב עס ניט געטאָרט. צי איז עס מיר ניט קיין בעזווייז? ס'וועט נאָך מיר דעם מיל אונטער'ן באַרג פערטראָגען!

דער ווינד פערגעהט זיך אונטער'ן פענסטער. ער איילט אויף דער גאַס אַרויס. שטיל.

פעסיל און הנהילע קומען אַריין. הנהילעס אויסזעהן איז פערענדערט פאַר שרעק.

### פעסיל.

ס'אַ קללה, ס'אַ קללה! פאַר וועמעס מעשים? פאַר וועמעס חטאים?

### הנהילע.

בעהאַלט מיינע קליידער. כ'האָב מורא צו קוקען אויף זיי.

פעסיל.

זי טראָגט די קליידער אין צווייטען צימער אריין.

מיין בלוט, מיין הארץ. גאָט אין הימעל, וואָס איז געשעהען? וואָס איז געשעהען...

קערט זיך צוריק.

חנה'לע.

מיר איז קאַלט, מאַמע.

פעסיל.

קושט חנה'לען.

מיין וועהטאָג און מיין פיין זאָלען זיך אין איין גרויסע תפלה פאַר דעם וואָס אין הימעל אויסגיסען.

זי דעקט איהר איין מיט א טוך.

חנה'לע זיצט ביים טיש אָהן ווערטער. איהר בליק בלאָנדזשעט אום צושראָקען.

פעסיל.

ס'האָט זיך דער שטורם אויף אויף מיין קאָפּ אַראָבגעלאָזען. (קוקט אין פענסטער) אַזאַ ביינע נאַכט.. אַליין אין מיל. ווי וועט ער עס זיך קאָנען אַליין אַנ'עצה געבען... ס'טראָגט דעם מיל גאָר אָהן רחמנות. לאָמיר געהן צום טאַטען געוואר ווערען.

חנה'לע ענטפערט ניט.

פעסיל.

מיין קינד, גאָט וועט אונז מוחל זיין.

חנה'לע.

קינדיש.

הער, ווי דער ווינד פייפט. הערסט, ווי ער וויינט?... דאָס וויינט ער.

פעסיל.

מיין קינד, מיר וועלען נאָך מאָרגען אַלע געהן. אינאיינעם ווייזען דאָרט.

שטיל.

חנה'לע.

דער ווינד רעדט ווערטער. אויפ'ן וועג האָב איך געהערט מיט'ן ווינד — „חנה'לע, חנה'לע“.·. אָט הער זיך איין.

פעסיל.

נאָר דײַן מאַמען האָט גאָט בעשטראָפען, נאָר דײַן מאַמען...

הענאך.

לויפט אַרײַן.

איהר זענט דאָ? גיכער העלפט מיר, אונגליקליך זענען מיר! ער האָט דעם מיל צוטראָגען אויף שפּענער.

פעסיל.

ברעכט אוים מיט געוויין.

נאָך אַלעמען, הענאך, נאָך אַלעמען.

הענאך.

מיר ווערען די האָר, ווי שפּילקעס אויפ'ן קאָפּ... קומט מיט מיר אויף דער גאַס!

ער לויפט אַרויס.

פעסיל.

ברעכט די הענד.

צום טאַטען קום, מײַן קינד. ווינדען, שטורעמס — אַלץ אויף מיר... אַלץ אויף מיר...

חנה'לע.

כ'וועל אויף דער גאַס ניט געהן. מאַמע, לאָז מיר ניט אַליין!

פעסיל.

ער ווייס נאָך גאָר ניט. ער ווייס גאָר ניט. ווי זאָגט מען עס איהם אָן אַזאַ קלאָג?

חנה'לע.

אויב כ'וועל אַליין ניט געהן... ער וועט מיך פון שטוב אַרויסשלעפען, מיט געוואַלד פאַר די האָר וועט ער מיך שלעפען... „מיט מיר קום", טער שרײַען...

פעסיל.

לויפט אום איבער'ן שטוב האַסנונג-לאָז. קוקט אין פענסטער.

פאַמעלעך... פאַמעלעך... וואָס אין הימעל ערבאַרעמט...

ער האַלט אײַן. געלויבט ביזטו, גאָט! ער וועט דאָרט אָהן כּחות בלײַבען. ער וועט די נשמה לאָזען. געלויבט ביזטו, גאָט...

די קוקט אָנגעשטרענגט אין פענסטער.

### הנה׳לע.

זאָג מיר, מאַמע, פאַרוואָס האָבען זיי מיך אַרויסגעטריבען פון שטוב? כ׳האָב געוואָלט איהם זעהן, בעטען... זאָג, ווייסט אַלײן...

### פעסיל.

ער האָט איהם אײַנגעהאַלטען! ער פערבינדט מיט קייטען די פליגעל... געלויבט ביזטו, גאָט... געלויבט ביזטו, גאָט!

### הנה׳לע.

איך האָב געוואָלט שרײַען: „דוד׳ל, כ׳בין דײַנע" און זיי האָבען מיך פון שטוב אַרויסגעטריבען. זאָג, וואָס זענען ליכט אָנגעצונדענע געשטאַנען אויף דער ערד?... מאַמע, דערצעהל מיר.

### פעסיל.

די טרעט אָב פון פענסטער. ס׳איז צו מערקען, אז די האָט נאָר ניט געהערט, וואָס הנה׳לע האָט גערעדט.

וואָס ציטערסטו אַזוי פון קעלט? גאָט האָט רחמנות גע־האַט. אַליין אויף מיר וואַרף אַרויף. אויף דער מאַמען...

### העניך.

ער קומט אַרײַן בלאַס, צושראָקען. אָטעמט שווער, ווי נאָך אַ גרויסע מלחמה.

דערצעהלט, וואָס איז געשעהן? ווי האַלט?

### פעסיל.

וועץ זיך, האָסט די כּחות פערלאָרען.

### העניך.

דאָס איז ניט קיין ווינד געוועזן. ניין, ס׳איז ניט קיין ווינד געוועזן. ס׳האָט די פינגער אין ראָד געבראָכען. ס׳האָט די וועגד געריסען. ניין, נישט געריסען — נאָר ווי אַ וואָלף געוויינט... האָט גערעדט. כ׳האָב די לעכער אין אַלע וועגד פערשטעקט און ס׳האָט צוריק דורכגעריסען פון אַלע זײַטען... צום ערשטען מאָל טרעפט עס. כ׳האָב געפּרובט די פליגעל אָן אַ זײַט אָבדרעהען — ס׳האָט נישט געהאָלפען. ער איז וואָס אַמאָל פון אַנ׳אַנדער ווינקעל פער־לאָפען...

### פעסיל.

קוקט העניאך'ן אין פנים אריין. ווישט איהם דעם שווייס פון שטערען.

אַ קאַלטער שוויים אויפ'ן שטערען אַרויסגעטראָטען...

### העניאַך.

וואו זענט איהר געוועזען? און וואָס איז געשעהען?

### פעסיל.

ווען איז פייגע אַוועק?

### העניאַך.

ס'האָט געגומען רייסען דער ווינד, איז זי אַוועק אין שטאָדט אַריין. ס'האָט איהר פון אָרט אַ ריס געטאָן, איז זי אַוועק... (שטעהט פערטראכט. זיי קוקען איהם אָן) דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּיס. אַז דאָס האַרץ זאָגט, דאַרף מען וויסען וואָס צו טאָן... האָט איהר גוט אָנגעקוקט? איז עס אויף געווים פייגע געוועזען?... דאָס איז פייגע געוועזען?...

א טויטע שטילקייט.

### העניאַך.

הנה'לע, וואָס זיצטו אַזוי?... העלפער רעד. זאָגט מיר... ס'שפּרינגט מיר דאָס האַרץ אַרויס פאַר שרעק. זאָגט מיר...

### פעסיל.

פרעגט ניט, פרעגט ניט. לאָמיר צו גאָט תפלה טאָן. זוך דעם טאַטענס תהלים — זאָג, זאָג. העניאַך, מיר זענען ניט אַליין.

### העניאַך.

קוקט אין פענסטער.

פינסטער, מוראדיג פינסטער! (פלוצלונג. ווי ער וואָלט זיך אָן עפּיס דערמאָנען, הויך) דערצעהל, וואָס איז געשעהען?! (קוקט צו הנה'לען) זעה, איך דערקען איהר דאָך נישט!

### פעסיל.

ס'איז שלעכט, העניאַך. שלעכט. אַ מוראדיגען ווינד בעגאַנגען... אַ מוראדיגען ווינד.

חנה׳לע.

עֶר האָט אונז ניט מוחל געווען.

שטיל.

הענאך.

און עֶר וועט מאָנען זײַנס! עֶר מאָנט זײַנס. (ער כאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ) שלעכט; אין מיל, אַנטקעגען מײַנע פענסטער, האָט עֶר זיך פערקליבען... עֶר האָט מיר דעם מיל געוואָלט פערטראָגען... פון מיל האָט עֶר אָנגעהויבען... צום רב! לאָמיר אַלע אין שטאָדט אַרײַנגעהן — אַלע!

בלײַבּט שטעהן צושטרײַט.

פעסיל נעהט צו נאָהנט צו הענאך׳ן, קוקט איהם צושראָקען אָן.

חנה׳לע.

קוקט איהם אָן פערוואונדערט.

טאַטע! דײַן קאָפּ... דײַן באָרד... ווײַס געוואָרען...

# דריטער אַקט.

פֿאַרנאַכט. אויף דער גאַס. רעכטס זעהט זיך האַנאַך'ס שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך. פֿאַר'ן שטוב — אַ פּריזבע צום זיצען. אַ ברונעם. אין דעם הינטערגרונד אַ ווינד־מיל אויף אַ בערגיל. ניט ווייט פֿון מיל אַ זעמדיגער וועג. האַנאַך זיצט אויפֿ'ן פּריזבע, אויף די קניע ביי איהם זיצט חנה'לע.

### האַנאַך.

מען וואָלט עס קאָנען מיט אַ פֿוהר פֿערפֿאָהרען אין וואַלד אַריין, צוזאַמענעהמען די אָנגעבראָכענע צווייגען. דער ווינד האָט געטוג אָנגעדרעהט. *(קוקט צום הימעל)* און ס'בעוויזט אַלץ אויף שטורם. שטיל.

### חנה'לע.

אַזוי לאַנג די מאַמע ניטאָ, ס'ווערט שוין באַלד נאַכט.

### האַנאַך.

בערג טראָגט איבער דיין מאַמע יעדען טאָג פֿון ים צו ים.

### חנה'לע.

אַלע נאַכט פֿאַר'ן שלאָפֿען געהן, זאָלסטו די פֿליגעל גוט מיט קייטען איינבינדען.

### האַנאַך.

יאָ, ווען ס'וואָלט העלפֿען!

שטיל.

### חנה'לע.

ווי האָסטו עס געקאָנט אַליין איינזען אין מיל?

### האַנאַך.

דיין טאַטע וויל ניט מיט דער טאָרבע אַוועקגעהן. *(קוקט צום*

הימעל, ברומט שטיל) אויפ'ן הימעל אַ רעגענבויגען... אויף דער ערד אַ שטורם.

### הנה'לע.

פֿאַרוואָס איז צו דער לויה פֿייַע ניט געקומען? פֿאַרוואָס איז זי ניט געגאַנגען?

העניאך שוויַגט. ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. הנה'לע קוקט איהם אָן. פֿון'ן הענגן בעהויַזט זיך אַנ'אָרימאַן. טראָגט אַ גרויסען פּאַק אויף די פּליי-צעס. בּיַם זייַט אַ טאָרבּע, אין האַנד אַ לאַנגער שטעקען. ער פערנעהמט זיך צום שטוב. העניאך און הנה'לע מערקען איהם ניט.

### אָרימאַן.

נעהט צו נאָהנט.

אַ גוטער אָבענד!

העניאך און הנה'לע ערוואַכען זיך האַלב דערשראָקען. הנה'לע זעצט זיך בעזונדער.

### העניאך.

ער קומט צו זיך.

שלום עליכם! פֿון וואַנען קומט אַ יוד?

### אָרימאַן.

עליכם שלום! די נאַכט האָט מיך פֿערכאַפּט. ס'וויל זיך אויסרוהען.

ער נעהמט אַראָב דעם פּעקיל פֿון פּלייצע.

### העניאך.

פֿון ווייַט?

### אָרימאַן.

גאָר וויניציג הייַנט דורכגעמאַכט, אַ וויאָרסט אַכט פֿון דאַנען אינגאַנצען געגעלטיגט.

### העניאך.

אינגאַנצען אַ וויאָרסט אַכט פֿון דאַנען?

### אָרימאַן.

זעצט זיך.

עך, די פֿיס פֿאָלגען נישט. כ'פֿלעג אין די גוטע יאָהרען

אַ שפּרײַז טאָן — מיט פֿערד נישט געווען צו דעריאָגען.

הענאך.

זיפצט אָב.

אָט דאָס איז די מעשׂה... און אַלט ווערט מען אַ מאָל אין אײן נאַכט.

אָרימאַן.

קוקט אָן חנהלען.

אַ טאָכטער, מסתּמא?

הענאך.

אַ בת יחידה.

אָרימאַן.

מהום.....

שטיל.

הענאך.

איז אין יענע געגענדען, כ'מײן פֿון וואַנען איהר געהט... האָט זיך דאָרט גאָרנישט געהערט?

אָרימאַן.

שׂרפֿות, מײנט איהר, וואָס?

הענאך.

אַוזי מײן איך... ס'הערט זיך גאָרנישט... אַ ווינד האָט געמוזט זײַן אַ גרױסער?

אָרימאַן.

האַ, האַ! דאָס מײנט איהר? יאָ, אַ שטאַרקער ווינד געװען. ס'האָט דעכער געריסען, די שטרױ פֿון די שײַערען, עט וואו פֿערטראָגען.

שטיל.

הענאך.

בעװײַזט צום מיל.

אָט שטעהט דער בעל-מפרנס מײַנער. ס'האָט אַ באַרג אַש געקאָנט װערען פֿון איהם. גאָט'ס חסד איז בײַגעשטאַנען.

### חנה׳לע.

דער טאטע האָט איהם אַליין פערהאַלטען.

### אָרימאַן.

קריגט מען ביי אייך אַ ביסעל וואַסער, די הענד צו וואַשען כ׳האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַווענט.

### הענאַך.

געה, ברענג אַרויס, מיין קינד, אַ קענדיל וואַסער.

חנה׳לע לויפט אין שטוב אַריין.

### אָרימאַן.

אַ שידוך וואָלט ניט שאַדען צו טאָן, נחת האָבען.

הענאך קוקט אָן דעם אָרימאַן מיט חשד.

### אָרימאַן.

אין וועג איז אין אַלע פיער זייטען מזרח. צום עלענדען אין וועג לוגט גאָט אַרויס פון אַלע זייטען.

### הענאַך.

אַך, ווי ס׳איז אמת! ווי ס׳איז אמת! מען זינדיגט אַמאָל מיט׳ן מויל, מיט שלעכטע מעשים... איך בין אַ פראָסטער מענש; גאָר אַ פראָסטער — נאָר פאַר איין מאָל האָט מען מיר די אויגען געעפענט. (בעטאַפּט זיינע גרויע האָר אין באָרד) איהר זעהט? אָט דאָס איז פאַר איין נאַכט...

### חנה׳לע.

טראָגט אַרויס וואַסער.

איך קאָן אָנשעפּען פרישע וואַסער, אויב איהר ווילט.

### אָרימאַן.

ס׳גוט, ס׳גוט אַזוי, שענע טאָכטער.

### הענאַך.

איהר פערשטעהט, רב יוד, אַז אַ שטורם רייסט זיך אויס, איז גאָרנישט צו מאַכען: קערט ער איבער מערב צו מזרח, מזרח צו מערב.

פרק הירשבײן.

## אַרימאַן.

אַך, מנחה, מנחה...

ער װאַשט די הענד.

## הנה׳לע.

אין דער זײט צו הענאָך.

װעסט בעטען דעם יודען, ער זאָל בײַ אונז נעכטיגען.

## הענאָך.

איהר װעט קאָנען איבערנעכטיגען בײַ אונז, אויב איהר װעט װעלען.

## אַרימאַן.

יאָ, ס׳איז װאויל, ס׳איז װאויל.

## פעסיל.

קומט אַן מיט׳ן חוג, טראָגט אַ זעקיל אויפ׳ן פלײצע. זי טערקט דעם פרעמ־דען, איהר געזיכט רויקט אויס װאונדער און פרײד צוזאַמען. װאַרפט אַראָב דעם זעקיל.

גאָט, האָסט אָנגענומען מײַנע תפלות!

## הנה׳לע.

קושט דער מוטער.

מאַמעלע, ביזט אַזוי פרעהליך, אַזוי פרעהליך!...

הענאָך קוקט זײ אָן פערװאונדערט.

## פעסיל.

כ׳האָב געגעבען מײַנע פענסטער דעם צײכען געפונען. גאָט זאָגט: ס׳איז צײַט!... װער האָט איך, ליעבער יוד, געשיקט צו מיר?...

## אַרימאַן.

די נאַכט האָט מיר בעפעהלען. אַמאָל, אין די יונגערע יאָה־רען, אַז ס׳פלעגט זיך ניט מאַכען אַנטקעגען נאַכט אַ שטוב מיט אַ מזוזה, פלעג איך אין פעלד הינטער׳ן דאָרף אויסרוהען, אָדער אין װאַלד ערגיץ אונטער אַ בױם. הײַנט מוז איך מײַן עלטער אָנפרעגען.

## פעסיל.

גאָט האָט איך צו מיר געשיקט! מײַן שטוב איז פאַר איך

אָפּען. מײַן ברויט, מײַן זאַלץ איז פֿאַר אײַך געגרייט. הענאָך! נאָך הײַנט װעל איך שיקען אין די נאָהנטע דערפֿער, אױפֿהאַפּען אַלע אורחים, זאָלען זײ קומען צו מיר. גלײַך מיט דער זון װעל איך אױפֿשטעהן און פֿאַר זײער געזונד בעטען.

## אַרימאַן.

יאָ, הכנסת אורחים, הכנסת אורחים מאַכט עלענדע פֿאַר אומעלענד...

## הענאָך.

איבערראַשט.

װער האָט עס דיר אַזױנע הײליגע װערטער אונטער דער צונג געלעגט?

## אַרימאַן.

איך בין שױן נישט מיד, שױן נישט מיד.

## הענאָך.

ס'האַרץ װאַקסט אין מיר פֿאַר שמחה, כ'װיל װיסען דעם װאונדער. דײַן פּנים איז אױפֿ'סנײַ געבױרען געװאָרען. זיבען בענשליכט האָבען זיך אין דײַנע אױגען צופֿלאַקערט...

## פּעסיל.

דען אַזױ האָט ער געהײסען: יעדען אורח אױף נאַכט-לעגער פֿערהאַלטען. מיט מײַן ברויט און זאַלץ איהם זאַט מאַכען. פֿאַר יעדען אורח מײַן ביטער האַרץ אױסגיסען, דערצעהלען דאָס אונגליק און זאָל יעדער אורח בעזונדער פֿאַר אײער שטוב און הױזגעזינד גאָט בעטען! (האַלוט הנהילען) הנה'לע מײַן ליכט, מײַן לעבען! פֿאַר דיר זאָל די גאַנצע װעלט גאָט בעטען...

הנהילע קלעבט זיך צו דער מוטער. קוקט איהר פֿערװאונדערט אין די אױגען.

## הענאָך.

בלאַס.

נאָר מיט שׂכל. מײַן קינד, נאָר מיט שׂכל. ס'האַרץ קאָן אַרױסשפּרינגען פֿון איהר שײד. טרױער איבער דער מאָס קאָן יעדע בעשעפֿניש איבערטראָגען. נאָר איבער דער מאָס שמחה, מײַן קינד, איז גיט אַזױ גרינג צו בענעהמען.

אֲרִימאַן.

נײַגעריג.

דערצעהלט, וואָס איז געשעהן?

פעסיל.

יעדען טאָג ווען די מאַמע איהרע לײַדען אויסדערצעהלען און באַרימהערציגע מענשען ווײלען פאַר איהר אין הימעל בעטען. פערשטײַנערט איז מײַן האַרץ געווען, מיט שטומע אויגען האָב איך געקוקט אַרום מײַן שטוב. כ'האָב געוואַלט בײַ טאָג, כ'האָב געוואַלט בײַ נאַכט אַרום מײַן קינד. כ'האָב צו מורח, מערב, צפון, דרום מײַנע אויגען געווענדעט, פון וואַנען זאָל מײַן הילף קומען?.. הײַנט האָב איך דעם ערשטען צײַכען געהאַט — דער מאַמעס טרערען איז פאַר'ן כסא הכבוד פערגאָסען געוואָרען.

אֲרִימאַן.

פרומעס, גאָט'ס־פאַרלטיגעס קינד, וואָס איז דער מער?

העננאַ.

אין גאָטעס ווילען, וואָס איז געשעהן? וועה, דאָס האַרץ זאָל עס איבערטראָגען. נאָך אַמאָל גראָה ווערען וועל איך שוין ניט קאָנען...

פעסיל.

אויף מײַן שטוב איז אַ קללה געלעגען, פאַר מײַנע זינד. פאַר מײַנע חטאים... ביז אײַער קומען האָט זי נאָך אונטער מײַן פענ־סטער געלויערט.

אֲרִימאַן.

האַלב צושראָקען.

וואָס איז דער מער?

פעסיל.

אַ פערשאָלטענע אשה בין איך געווען. צעהן יאָהר האָב איך מיט מײַן בעשערטען געלעבט, און דער וואָס אין הימעל האָט מיר מיט קײַן איינציג קינד ניט געוואָלט אויפריכטען. אויפ'ן עלפטען יאָהר זענען מײַנע תפלות אָנגענומען געוואָרען און כ'האָב אַ טאָכ־טער געבאָרען. ס'האָט זיך זײַן חסד ווידער דערבאַרימט און האָט מיר נאָך אַ טאָכטער געגעבען. מײַן בעלער איז מיר מיט איין מאָל

פול געוואָרען. דאָס גליק האָט זיך מיר איבער די ברעגען גע־
גאָסען. פרייטאָג האָב איך בײַם ארון קדש ליכט געצונדען און בײַ
נאַכט האָב איך געקוקט מיט פּאַרכט, אין דער שטיל, ווי עס לײַכט
דער מזל מײַנער. איך האָב גאָט׳ס שול בעלויכטען און ער האָט
מײַן שטוב געבענטשט...

הענאך.

ס׳איז אמת, ס׳איז אמת... ווי זײַן נאָמען.

פעסיל.

ווי זאַנגען אין פעלד זענען זיי בײַ מיר געוואָקסען. איך האָב
מיר בעפאַרכטען זייער נאָמען אָנצורופען. זאָל איבעריג זייער נאָמען,
חלילה, בײַ דעם וואָס אין הימעל ניט ווערען. רחל׳ע די עלטסטע האָט
ווי די ליכטיגע זון געשײַנט. פון איהר איז אונזער שטוב שטענדיג
פול געוועזען מיט געזאַנג. ווען זי איז נאָך אַ קינד געוועזען איז זי
שוין אין שול אַרײַנגעלאָפען איהר ליכטעלע אָנצינדען. נאָר מעהר
האָט זײַן נאָמען ניט געוואָלט... כ׳האָב איהר מיט אַ חתן, אַ גאָט׳ס־
פאַרכטיגען פערקנס׳ט. און ווען די צײַט איז געקומען איהר די
חופה־קליידער צו נייען — איז שוין פערקערט געוועזען מײַן פרייד
צו לייד. (דריקט צו זיך הנה׳לען) איז מיר דאָס מײַן גאַנצע לעבען פער־
בליבען. מײַן טרייסט, מײַן נשמה. כ׳האָב איהר מיט אַ חתן פער־
קנס׳ט, איז ער אין אַ פינסטערע קרענק אַרײַנגעפאַלען. אַ יאָהר צײַט
האָט עס געדויערט. זײַן גוף איז אינגאַנצען געוואָרען ווי אַ צוים־
שטעקיל אויסגעטריקענט... מיר האָבען געווײנט ער זאָל אונז דעם
תקיעת־כף מוחל זײַן — ער האָט ניט געענטפערט.

אָרימאַן.

און וואָס ווײַטער?

הענאך.

דעם תקיעת־כף געבראָכען.

אָרימאַן.

און איצטער?

פעסיל.

און איצטער... און איצטער... שוין נאָך דער לויה. ער
קומט אַלץ מאָגען זײַנס.

שטיל. אַלע אין פערצווייפלונג.

אָרִימאַן.

ס'איז גאָר ניט קיין הימליכע זאַך. רחמים, אַ ים רחמים בע־דאַרף מען.

פעסיל.

ניין. דאָס געבעט פון אַפולע ווערט אָנגענומען. אַזוי האָט ער מיט זיין כשר מויל געזאָגט. איך זאָל אורחים זוכען. מיין שטוב זאָל אַ נעסט פאַר אורחים ווערען. איך וועל זיי די פיס וואַשען און ס'וואַסער טרינקען... (זי נעהמט דעם אָרימאַנ'ס פעקלעך) צו מיר אין מיין שטוב אַריין!...

הנהילע העלפט מיט.

אָרימאַן.

פערטראַכט.

אַסך רחמים, אַסך רחמים...

נעהמט אין שטוב.

העניאַך.

טרייסעלט זיך פון די פיס.

איך בין רגייט, איך בין גרייט...

# פיערטע אַקט.

ביי טאָג. ביי הענאָך'ן אין שטוב.

ארימאַן.

שטעהט אין מיטען שטוב, טאָרבע און פּאַק אויף זיך, גרייט צום אַוועקגעהן.

אַלע ברכות זאָלען אויף אייער קאָפּ רוהען.

הנה'לע.

אַז איהר וועט טרעפען נאָך אָרימעלייט, שיקט זיי צו אונז.

פעסיל.

שטופּט איהם עפּיס אין טאָרבע אַריין.

אָט דאָס וועט איהר האָבען אויפ'ן וועג ביז איהר וועט אין אַ דאָרף אַריינקומען.

אָרימאַן.

אַ גוט יאָהר אויף אייך, אַ גוט מזל אויף אייך!

פעסיל.

שטעהט, שטעהט, איך האָב נאָך עפּיס פאַר אייך.

איילט אין צווייטען צימער אַריין.

אָרימאַן.

אַברהם אָבינו'ס שטוב, פון אַלע פיער זייטען אָפען די טירען פאַר אורחים.

פעסיל.

ברענגט עפּיס איינגעוויקעלט, לעגט איהם אין טאָרבע אַריין.

אָט דאָס וועט איהר ברענגען פאַר אייערע קינדערלעך.

אָרימאַן.

אַברהם אָבינו'ס שטוב, אַברהם אָבינו'ס שטוב... ווי קאָן עס

גאר דער וואס געוועלטיגט איבער אלץ זיין האנד אויף אזא שטוב הויבען?

פעסיל.

פון אלע עקען שיקט אורחים צו אונז. מיין שטוב איז פריי פאר אלעמען. איך, מיין מאן מיט מיין קינד וועלען אלעמען בעדינען.

אָרימאן.

היילינ, היילינ! (צום מיר געהענדיג) אזוינע מעשים וועדען נישט פערפאלען, ניין, ניין, קיין מאל נישט, קיין מאל נישט... זייט געזונד, זייט געזונד...

געהט ארויס.

פעסיל און הנה'לע קוקען איהם נאך אין פענסטער.

פעסיל.

איצטער, מיין קינד, וועלען מיר זיך נעהמען פאר אונזערס.

הנה'לע.

איך וועל איהם אזוי לאנג נאכקוקען ביז כ'וועל איהם שוין מעהר ניט זעהן.

פעסיל שטעהט פערלענט די הענד. קוקט אויף הנה'לען פערוואונדערט, שאקעלט מיט'ן קאפ.

הנה'לע.

אבגעהענדיג פון פענסטער.

ער איז שוין ניטא. מיר זענען ווידער אליין. וואס קוקסטו מיר אזוי אן, מאמעלע, פערדאגה'ט?

פעסיל.

ערוואכענד.

לאמיר זיך נעהמען פאר אונזערס... מיר וועלען נאך הערען מיט וואס דער טאטע וועט קומען פון שטאדט... נו, מיין קינד.

הנה'לע.

איך וועל עס גאר ניט קאנען, מאמעלע.

פּעסיל.

דער האַקס איז װײך און רײן.

הנה׳לע.

טאָמיר. װעלען הײנט קײן אָרימעלײט אויף נאַכט צו אונז ניט קומען?

פּעסיל.

לעגט אויס׳ן טיש האַקס און קנײטען באַחעל.

איך װעל דיר צו זיך נעהמען. װעסט זיך צו מײן האַלז צוקניפּען. איך װעל די גאַנצע נאַכט װאַכען איבער דיר.

צושנײדט די קנײטען.

הנה׳לע.

מיר װעלען בײדע װאַך זײן. מיר װעלען אַלע װאַך זײן.

שטיל.

פּעסיל.

די ליכט װעלנערנדיג.

נײן מאָל האָב איך געמאָסטען רחל׳עס קבר און אײן מאָל דעם גאַנצען בית־עולם געמאָסטען. נאַ דיר, מײן קינד, אַ קנײטעלע און זאָג: די נשמה פון מײן שװעסטער רחל׳ע זאָל פאַר מיר בײ־שטעהן אויף מיר און אויף מײן התן זאָל קײן פלאָג ניט פאַלען.

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, רעד עס ניט. מיר װערט אַזוי אומעדיג.

פּעסיל.

אָט, די ליכט איז שוין באַלד פאַרטיג. װעלגער זי און זאָג: די נשמה פון מײן שװעסטער רחל׳ע זאָל פאַר מיר און מײן התן גאָט בעטען.

הנה׳לע.

אוי, מאַמעלע, רעד עס ניט.... מיר קלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ... איך װעל די ליכטעלעך װעלגערען פון רײנעם װאַקס און כ׳װעל, מאַמעלע, אַזוי זאָגען: שװעסטערל מײנע, שװעסטערל ליעבע, די װעלט איז אַזוי שען, דאָס לעבען — אַזוי גוט — איך װיל דאָס לע־בען האָבען און װעל צו דער חופּה ניט געהן...

### פעסיל.

וועלגער, מיין קינד, וועלגער. די קללה פון אונזער שטוב איז שוין פארביי. צו דער חופה וועט דיין שוועסטערל קומען... פונים ארון קדש וועט מען דעם יום־טובדיגען פרכת אראבנעהמען, אויף שטאנגען אנציהען. נעבען דער גרויסער שול וועט מען דיין חופה שטעלען... אט, האסט דיר נאך א קנייטעלע. שוין מיט וואקס בעלעגט. וועלגער, וועלגער און זאג:

שוועסטערל מיינע... ניין מאל האט מען דיין קבר׳ל געמאסטען. ניין מאל ט׳אונזער מאמע דיינע ביינדעלעך געמאסטען. בעט ביי גאט פאר דער יונגסטער שוועסטערל, ער זאל דעם זינד פון איהר היים אראבנעהמען... זאג מיין קינד: אונזער מאמע האט געזינדיגט. זי האט קיין ווארט ניט געהאלטען. שטראפען זאל מען די מאמען, אבער ניט איהר קינד׳ס יונגע ביינדעלעך...

### הנה׳לע.

אוי, מאמעלע. אין הארצען ווערט מיר אזוי באנגליך. כ׳וועל ליכטעלעך צינדען אין שול ביים ארון קדש. און זאגען, זאגען וועל איך אזוי: ניין מאל האט מיין מאמע מיט אייערע קנייטען מיין שוועסטערס ביינדעלעך געמאסטען. ברענט ושע, ברענט ושע, ליכטעלעך. זאל זיך דער פייער פלעמלען און ביז צום הימעל דערהויבען. זאל עס אין הימעל אלע מלאכים אויפוועקען. בעט רחמים פאר הנה׳לען, זי וויל צו דער חופה ניט געהן.

### פעסיל.

וועה איז דער מאמען! וואס רעדט עס איהר קינד?

### הנה׳לע.

דיין שוועסטערל וועט א נעסטעלע זיך אויסבויען אין גרינעם וואלד אליין. ווי די שטערענדלעך אין הימעל אזוי וועט דיין שוועסטערל אליין אויף דער ערד פערבלייבען. און אז דער חתן וועט צו איהר קומען וועט זי איהם אזוי זאגען: זיי ושע דו א פויגעלע וואס איז אויפ׳ן הינטער אין א ווייט לאנד פערפלויגען. איך וועל זיין א פויגעלע, וואס מען האט אין א שטייגעלע פערשלאסען און ארום -- פליהט איהר געליעבטער, קלאפט מיט זיינע פליגעלעך אן פערמאכטען שטייגעלע....

פעסיל פערבארגט איהר קאפ אויפ׳ן ארעם. איהר גאנצער קערפער ציטערט פאר געוויין.

### הנה׳לע.

וואַרפט זיך דער מוטער אויפ׳ן האלז.

מאַמעלע, וויין ניט. איך וועל צו דער חופּה געהן. אויף בלאָהען זיידענס וועל איך שטערענדלעך ליכטיגע אויסשטריקען. איינס פאַר רחל׳ען און איינס פאַר הנה׳לען... זאָג מיר, מאַמעלע, ווער וועט איצטער מיין חתן זיין?

### פעסיל.

וואויל געלערענט וועט ער זיין און אויף זיין קאָפּ וועט די שכינה רוהען.

### הנה׳לע.

און וואָס זאָל איך איהם זאָגען, אז איך וועל איהם צום ערשטען מאָל זעהן?

### פעסיל.

איך בין אַ יודישע טאָכטער און כ׳האָב אַ כשר האַרץ... תורה וועסטו לערנען און איך וועל זיצען אין אַ ווינקעלע, וועל צו גאָט מתפלל זיין.

### הנה׳לע.

און כ׳וועל איהם זאָגען: איין חתן האָב איך שוין געהאַט, פוילען זיינע ביינדעלעך...

### פעסיל.

מיין קינד! מיין קינד!

### הנה׳לע.

וויין ניט, מאַמעלע. אַליץ וואָס דו וועסט הייסען, וועל איך פאָלגען. און ווען איך וועל מיט מיין חתן אונטער דער חופּה שטעהן וועט ער גאָר ניט וויסען, אַז נעבען אונז שטעהט דודיל און קוקט מיט זיינע טויטע אויגען. און וועט אין אויער אַריין שטיל אַריינרוימען: „הנה׳לע האָט אַמאָל אַ חתן געהאַט, דודיל האָט ער געהייסען... האָט זי איהם דאָס וואָרט געגעבען....

### פעסיל.

מיין קינד, די מאַמע וועט פאַר טרויער שטאַרבען...

הנה'לע.

מאַמעלע, כ'וועל צו דער חופה גיין. און ווען איך וועל מײַנע התונה-קלײדער אָנטאָן, וועל איך אַזוי זאָגן: אײן שוועס-טערל האָב איך געהאַט האָט מען פאַר איהר זײַדענע קלײדער גע-נײט און געוואָלט צו דער חופה פיהרען, איז דאָס מזל איהרס שלעכט געווען, האָט מען איהר אין ווײַסע תכריכים'לעך...

פעסיל.

וואָר רעדט עס אַרויס פון דײן יונג האַרץ?!...

הנה'לע.

לעבען וויל דײן אײנציג קינד. לעבען וויל דאָס האַרץ. און אונטער דער חופה, אינאײנעם מיט מיר וועט דער מלאך-המות שטעהן מיט זײַן שאַרפער שווערד... ער וועט מיך אַהײם פון דער חופה פיהרען...

פעסיל.

דריקט צו זיך הנה'לען.

שטילער, שטילער... דער מאַמעס האַרץ ווערט צוריסען פאַר פײַן...

שטיל. זיי בלײַבען בײדע זיצען געאַרעמט. אונטער'ן פענסטער הערט זיך אימיצענס רעדען.

הנה'לע.

פלוצלונג.

כ'האָב מורא, כ'האָב מורא. מאַמעלע, מאַמעלע...

צעוויינט זיך קינדיש. קניפט זיך אָן דער מוטערס האַלז.

# פינפטער אקט.

בײ הענאך׳ן. שפעט בײ נאכט. אין הענגלײכטער ברענט א ליכט. אויפ׳ן טיש ליגט א באַרג העקסענע ליכט.

פעסיל געהט יעדע ווײלע ארויס פון צימער לינקס. אונרוהיג, קוקט לאַנג אנגעשטרענגט אין פענסטער. קוקט זיך אַרום אין שטוב פון אלע זײטען, פונקט ווי אין שטוב וואלט זי עפּיס אונהײמליכעס מערקען.

ארימאַן געהט ארויס פון צווײטען צימער. פערטראַכט.

פעסיל.

לאָזט ניט מײן קינד אַלײן!

ארימאַן.

קײן בײז, קײן בײז, די מזוזה׳ס זענען כשר׳ע, כ׳האָב זײ איבערגעזעהן. אין שטאָדט נאָך מענשען וואָלט אַפילו ניט שאַדען.

פעסיל.

קוקט איהם אָן מיט חשד.

וואָס רעדט איהר אַזוינס?

ארימאַן.

גאָט איז מיט אײך! איך זאָג, אַז גאָט וועט איהר שיקען זײן רפואה. בײטאָג איז זי דאָך געװעזען געזונד און פריש!

פעסיל.

וואָס מײנט איהר מיט דעם צו זאָגען?

ארימאַן.

קײן בײז זאָל ניט זײן, קײן בײז זאָל ניט זײן... אַזוינע הײזער שטראָפט ניט דער וואָס אין הימעל. מען וועט וואַרטען ביז טאָג, געגען טאָג קומט שטענדיג די ישועה!

ער געהט אין צווײטען צימער.

פעסיל קוקט ווידער אין פענסטער.
הענאך קומט אריין, בלאס. ער בלייבט נעבען טיר, דער קאפ צו דער ערד געזונקען.

פעסיל.

נו, וואס? זאג שוין, גיכער!

הענאך.

האסגווגנלאז.

ארום. אונז איז נישט פרעהליך...

פעסיל.

האסט אליין מיט דיינע אויגען געזעהן?

הענאך.

אליין מיט מיינע אויגען געזעהן... דער מיל איז געשטאנען מיט די פליגעל צו מזרח. איצטער... געה צום פענסטער... קוק, אפשר איז מיר אין די אויגען פינסטער געווארען.
זיי קוקען ביידע אנגעשטרענגט אין פענסטער.

פעסיל.

אין פענסטער קוקענדיג.

צום שטוב מיט די פליגעל!

הענאך.

מערב! מיט די פליגעל צו די פענסטער. (טרעט אב אן א זייט) ניט גוט, ניט גוט, אז איך בין שוין גערירהרט... צי האב איך איהם אליין ביים קבר מחילה ניט געבעטען?... וואס האט מען זיך אויף מיר אנגעזעצט?!

פעסיל.

הענאך, דו זינדיגסט!

הענאך.

א לעבען פאר א לעבען — כּ'וויל עס ניט צאהלען!

פעסיל.

הערט זיך צו אנגעשטרענגט.

מיר דוכט, דער מיל סקריפעט... ווי מען וואלט איהם דרעהען.

הענאך.

קוקט פארזיכטיג אין פענסטער, שטעהענדיג פון ווייטען. שעפטשעט.

ער דרעהט זיך... וועה, מיט דיינע ליכטיגע אויגען. קוק. מען פארערט א נפש פון מיין שטוב, מען פארערט...

פעסיל.

וואלטען בעסער דער מאמע'ס אויגען אויסרינען!...

ארימאן.

נעהט ארויס פון שטוב אונרוהיג.

איהר זינדיגט דארט מיט אייערע מיילער. עפים... ביתיים ניט אויף געוויס. ס'דוכט, איהר פנים איז פערענדערט געווארען. צי שלאפט זי...

פעסיל איילט אין צימער אריין.

הענאך שטעהט פערטראכט. האלט זיך פאר'ן קאפ מיט ביידע הענד.

פעסיל.

דופט פון צימער.

הענאך! גיכער, מיר וועגען פערביי!

הענאך.

איז זיך מישב צו געהן.

פעסיל.

הענאך! הענאך!

הענאך.

נעהט אין צימער אריין, מאכט האסטיגלאז מיט'ן האנד.

נאך אלעמען...

ארימאן טאפט די מזוזה. שעפטשעט וואס.

הענאך.

לויפט ארויס. האלט דעם ארימאן.

איך בין א פליג, א זינדיגע פליג. איך פאלג.

ארימאן.

קומט, לאמיר משנה מקום זיין. לאמיר איהר מיט'ן בעט אהער אריינטראגען!

פעסיל.

העניאך! העניאך!

העניאך און דער אָרימאַן נעהען אין צימער אריין. אין א ווײַלע אַרום קערען זיי זיך צוריק. זיי טראָגען הנהילען מיט'ן בעט אין שטוב אַרײַן.

פעסיל.

נעהט נאָך פערשטומט. ברעכט די הענד.

אין אַזאַ שעה, וואָס מען טראָגט דיך איבער אין אַנאַנ־דער שטוב, זאָל דאָס שלעכטס פון דײַן גוף אָפּגעטאָן ווערען.

זיי שטעלען די בעט אויפ'ן מיטען שטוב.

חנהילע ליגט מיט פערמאַכטע אויגען אונבעוועגליך. דאָס געזיכט ־ רוֹ.

העניאך.

בײַ דער מזרח־וואַנד שטעלען!

אָרימאַן.

בײַ דער מזרח־וואַנד, בײַ דער מזרח־וואַנד, פון דאָרט גע־הען אַלע תּפלות אויף...

פעסיל.

נעבען די פענסטער... ניין, ניין! אין מיטען שטוב...

בלײַבען שטעהן אַרום בעט.

הנהילע.

ניט בעוועגענדיג זיך. רעדט גאַנץ קלאָר.

אַלע שטעהען אַרום מיר.

פעסיל.

פאָטער, ליעבער!...

העניאך.

רעדט הויך, ווי ניט בײַם פערשטאַנד.

העניאך! אויף דיר וועט הײַנט די גאַנצע שטוב אײַנפאַ־לען!...

פעסיל.

שווײַג, שווײַג!...

### אָרימאַן.

שװײַגט, קײן װאָרט!

### הנהילע.

ברענגט מיר אַהער מײַנע װײַסע קלײדער. די װײַסע קלײדער מיט די שטערענדלעך, װאָס מען האָט מיר צו דער חופּה געניײט...
(אַלע שװײַגען) ברענגט מיר דעם שלײער אַהער...

### הענאָך.

הױך.

אַז מען רופט, טאָר מען זיך ניט אָבזאָגען.

פּעסיל הינקט. ער װיל שװײַגען.

### הנהילע.

מאַמע... דו שרעקסט זיך פאַר דײַן אײגען קינד. אַזױ האָב איך דאָך שטענדיג גערעדט... ברענגט מיר מײַנע חופּה-קלײדער.

### פּעסיל.

גאָט'ס נאָמען האָב איך זינגען, גאָטס נאָמען!

### הנהילע.

מיט דעם זעלבען, בעפעהלענדען טאָן.

מײַנע חופּה-קלײדער. װאָס שװײַגט איהר? ער שטעהט אײבער מײַן בעט. ער לאָזט מיר ניט רוהען... ער שענקט ניט. איך זאָל מיט איהם צו דער חופּה געהן. ער װערט פערװאָגעלט פון װעלט צו װעלט. ער װעט קײן רוה ניט האָבען, ביז ער װעט אונטער דער חופּה מיט מיר ניט שטעהן... איהר װעהט קײנעם ניט אין שטוב?...
שטיל. אַלע קוקען זיך אום.

### פּעסיל.

שעפּטשעט.

שטײן און בײן װײַסען פון זײער רוה, אַזױ זאָלסטו דײַן רוה געפינען. פערלאָז מײַן קינד, איך װעל טאָג-טעגליך מײַנע תּפלות שיקען צו גאָט פאַר דײַן רוה!

הנה'לע.

ברענגט מיר מײַנע הופה-קלײדער!

אַרימאַן.

שעפּטשעט.

מען מוז פֿאָלגען... מען דאַרף פֿאָלגען...

העניאך.

ברענגט פון צװײטען צימער איהרע חופה-קלײדער.

אַנטאָן, אַנטאָן...

הנה'לע.

דערט, בעת מען ציהט אויף איהר די קלײדער.

כ'האָב קײן תקיעת-כף ניט געהאַלטען... כ'האָב דאָס האָרט געבראָכען... צוליעב מיר איז ער פון דער װעלט געגאַנגען... מען טרײַבט איהם, ער זאָל מיך ברענגען... ער זאָל אָהן מיר ניט קומען...

אַרימאַן.

שעפּטשעט.

אַזױ װיל גאָט, אַזױ װיל גאָט... איהר מוזט איהר בעגעהר ערפֿילען...

העניאך.

איך װעל פֿאָלגען... איך װעל פֿאָלגען.

פעסיל.

זאָלען דער מאַמעס אויגען בלינד װערען...

הנה'לע.

דעם װײַסען הופה-שלײער!...

העניאך.

העניאך דער מילנער איז אויף אַלץ גרײט!

ער טראָגט צו איהר בעט איהר הופה-שלײער. מען טוט איהר איהם אָן.

פעסיל קוקט אויף העניאך'ן מיט גרויס שרעק.

## הנה׳לע.

צינדט אָן דעם שבת׳דיגען הענגלייכטער... ליכט אין אַלע רערען...
שטיל.

הענאך צינדט אָן פינבערהאפט ליכט פון די, וואָס ליגען אויפ׳ן טיש און ער צושטעלט זיי אין די רערען פון הענגלייכטער.

## הנה׳לע.

צינדט אָן ליכט און שטעלט זיך אַרום מיר... (שטיל)
מיט ליכט אַרום מיר...

## אָרימאַן.

ציטערט.

## וואָל מען....

הענאך איילט אין צווישען ציטער אַרײַן. זיי קוקען איהם נאָך.

## הנה׳לע.

צינדט אָן ליכט אַרום מיר... אַלע מיט ליכט!

פעסיל צינדט אויטאָמאַטיש אָן ליכט פון טיש און שטעלט זיי אַרום איהר צוקאָפּענס.

## הענאַך.

נעהט אַרויס פון ציטער, אָנגעטאָן אין זײַנע שבת׳דיגע קליידער, מיט טלית און קיטעל אַריבערגעוואָרפען.

דעם טאַטען אַ ליכט... מיר... (ער צינדט אָן אַ ליכט)
איך בין גרייט!... הענאַך דער מילנער געהט מיט זיין קינד!...

השוון, תר״סה.